א ליכטיגן תמיד
אוידיש
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א ראיגקייט דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# הכנה לקבלת התורה

יום המיוחס תשפ"ד – לחבורת אברכים

## אחדות איז די כלי מחזיק ברכה

רבי הירש'לע ליסקער אין אך פרי תבואה, שרייבט ער אויף די וואכעדיגע סדרה. אין די תורה שטייט 'כה תברכו את בני ישראל אמור להם', שטייט א לשון רבים, מען הייבט אן די ברכת כהנים, די ברכות, יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך, אלעס שטייט מיט א לשון יחיד. וואס הייבט ער אן מיט א לשון רבים, און ער קומט צו א לשון יחיד?

אויף דעם ברענגט דער אך פרי תבואה, זאגט ער אזוי: אין די משנה אין עוקצין שטייט, לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום, דער הייליגער באשעפער האט נישט געטראפן א כלי וואס קען מחזיק זיין ברכה, דער רבוש"ע שיקט אראפ ברכה פאר אידישע קינדער, אבער מען דארף האבן א כלי אין וואס די ברכה זאל אריינגיין, שלום איז די כלי, ער האלט די ברכות.

ווען מען טראכט זיך אריין, אידישע קינדער אין די אלע גלות'ן, מיר זענען 'שה אחת בין שבעים זאבים', א קליין כלל ישראל צווישן אזויפיל מיליאנען גוים, וויאזוי קען מען האבן א קיום? די קיום איז אחדות! גוים קומען 'מעלמא דפרודא' עס איז א שטיק פירוד, יעדער גוי איז בפני עצמו, נישט קיין מענטש, אבער עפעס א בריה בפני עצמו... אידישע קינדער קומען 'מעלמא דיחודא', אידישע קינדער קומען 'מעלמא דאחדות'.

טייטשט ער מיט דעם: 'ה' עוז לעמו יתן', דער הייליגער באשעפער גיבט כח פארן כל ישראל, אנצוהאלן די שווערע גלות, וויאזוי? 'ה' יברך את עמו בשלום' אז עס איז דא שלום ביים כלל ישראל!

ממילא זאגט ער אזוי: 'כה תברכו את בני ישראל, אמור להם', זאג פאר אידישע קינדער, מען זיצט נאך אזוי עקסטער, ושמו את שמי על בני ישראל, איך וויל ארויפלייגן מיין נאמען אויף אידישע קינדער, און איך וויל זיי בענטשן, אבער מיט איין תנאי, אז מען קען רופן גאנץ כלל ישראל מיט א לשון יחיד, יברכך ה', אז עס איז דא אן אחדות, איז די די כלי מחזיק ברכה.

אז עס קומען זיך צוזאם חברים, מען זיצט צוזאמען זיך צוצוגרייטן פאר די הייליגע יום טוב שבועות, איז שוין דא וואו די ברכה זאל חל זיין.

## זיך דרייען נעבן לומדי תורה

איך וויל ענק פארציילן א מעשה. אין רוסלאנד איז קאמעניזם געווען זייער גרויס און שטארק, איז דארט געווען איינער פון די בריסקע קינדער האבן געעפנט א שטיקל ישיבה, פארשטייט זיך נישט בפרהסיא, אבער צאמצונעמען, עס זענען געווען זייער אסאך בחורים וואס זיי זענען געווען אפגעשוואכט, עס איז געווען וואס האבן בכלל נישט געקענט לערנען, די וואס זענען געווען אין סיביר, אדער פארווארפן אין די מיליטער, אבער עס איז נאך אלס געווען געוויסע בחורים, אינגעלייט וואס האבן נאך געדענקט תורה פון פאר די שווערע צייטן, פאר די פאר יאר וואס מען איז דורכגעגאנגען אזא גיהנם, מען האט פראבירט צאמצונעמען די עולם און זען וואס מען קען ראטעווען, ווילאנג מען גייט ארויס אויף די פרייע לענדער.

צווישן די בחורים וואס זענען דארט געקומען, האט זיך געמאלדן איין בחור, און מען הייבט אן רעדן מיט אים, און מען האט געזען א סיבירישע בחור... סיביר איז דאך געווען נעבעך פארפראסטעוועט צווישן די גוים, ער האט נישט געקענט גארנישט, ער האט נישט פארשטאנען גארנישט, ער האט נישט באלאנגט אין א ישיבה, ער האט געדארפט צוריקגיין אין פעלד פלאנצן, און מען האט אים געוואלט אפזאגן, און ער האט אזוי פארשטאנען.

גייט ער צי צו דעם ראש ישיבה, איינער פון די סאלאווייטשיק קינדער, און ער זאגט: ראש ישיבה! פאר דו זאגסט מיר אפ, איך וויל זאלסט הערן א מעשה, און נאכדעם וועל איך זען צו דו האלסט מירביים אפזאגן...

פארציילט ער אזוי: ער האט זיך געדרייט אין רוסלאנד, די ק.ז.ב. האט דאך געהאלטן קאפ אויף יעדעם מענטש. איין טאג האט ער געוואלט טרינקן א קאווע, איז ער אריין אין א קאווע הויז, ער האט זיך אראפגעזעצט אליינס ביי א טיש טרינקן א קאווע, און טראכטן אביסל. אינמיטן טרינקן די קאווע, די ק.ז.ב. קומט אן, מען ארעסטירט אים, און נישט נאר אים, נאר די גאנצע עולם פון די קאווע הויז. ער האט נישט קיין אנונג פארוואס.

ער איז געזעצן נעבען אין תפיסה מיט גרויסע פארברעכערס, און די אומשטענדן זענען געווען געפערליך. אין א רוסישע תפיסה, נאך א איד אויך, מען האט אים אויסגעפייניגט.

נאך א פאר טעג דורכגיין ענוים קשים, האט מען אים ארויפגענומען פאר חקירות ודרישות. אוי, אינקעוויזיציע ענויים איז ער דארט דורכגעגאנגען! מען האט אים געפייניגט, זיי מודה! זאג אויס! ער האט אויסגעזאגט: איך האב געטרינקן א קאווע... ניין! פארצייל וואס דארט איז געווען! "יעדער האט געטרינקן קאווע!"... מען האט אים געשלאגן מען האט אים געשטאכן... זאגט ער: איך האב נישט מער וואס צו פארציילן! ער האט טאקע גארנישט געוואוסט, און אזוי איז דורכגעגאנגען וואכן, מען האט אים אזוי דערנידריגט, ביז מען האט געזען אז עס איז נישט דא

וואס צו מאכן, מען האט אים געלאזט אויף די פריי.

ער איז געגאנגן מיט פערטעקציע, עס איז דאך אלעס געגאנגן אונטערן טיש, אידישע קינדער קומען זיך אלס אדורך, און ער האט זיך אנגעפרעגט ביי די פאליציי, פארוואס מען האט אים ארעסטירט.

האט מען אים געזאגט: ווייל דארט וואו ער איז געזעצן אין די קאווע הויז, זענען געזעצן דריי מורדים. וואס האט געמיינט א מורד אין רוסלאנד? זיי האבן גערעדט קעגן די רעזשים, זיי האבן געהאט א מיינונג... ממילא האט מען יעדעם ארעסטירט. האט ער געפרעגט פון דעם פאליציאנט: איך פארשטיי נישט, אויב די ק.ז.ב. האבן געהאט אזא אויג אויף יעדע זאך וואס דארט טוט זיך, האבן זיי דאך געזען אז איך האב נישט קיין שייכות מיט די מענטשן, איך האב נישט גערעדט צו זיי, פארוואס האבן זיי מיר אויך ארעסטירט?

האט דער פאליציאנט געענטפערט: ווען מען זיצט צווישן מורדים, מען זיצט צווישן די וואס זיי שימפן אויף די מדינה און אויף די מלוכה, ווערט מען א חלק פון זיי, און מען דארף ארעסטירן, און מען דארף אויסרייסן און פייניגן, מודיע צו זיין: מען טאר נישט זיצן, מען טאר נישט האבן קיין שייכות, מען טאר נישט זיין אויף אזא פלאץ! האסט יא געוואוסט האסט נישט געוואוסט, מען קען זיך אנקלעבן! מען דארף מאכן זיכער אז קיינער האט נישט קיין שייכות מיט דעם! אזוי האט ער פארציילט פאר דער ראש ישיבה.

זאגט ער פאר דער ראש ישיבה: מה דאך דער מיניסטער האט פארשטאנען, אז ווען מען רעדט קעגן די רעגירונג, און איינער זיצט אויף די אנדערע זייט קאווע הויז, ווערט ער מיטגעכאפט, און מען דארף אים שוין באשטראפן, נאך פאר ער האט אפילו געהערט וואס מען זאגט. אז איך וועל זיצן דא אין די ישיבה, און איך וועל זען ווי בחורים זיצן און לערנען, איך וועל מיך סך הכל אנפיקעווען מיט די תורה, דאס ווילסטו פון מיר אוועקנעמען?! נו אוודאי האט מען אים אריינגענומען אין די ישיבה.

איך וועל זען ווי בחורים זיצן און לערנען, איך וועל מיך סך הכל אנפיקעווען מיט די תורה, דאס ווילסטו פון מיר אוועקנעמען?!

די גרעסטע חלק פון די קבלת התורה, וואס א מענטש דארף זיך אריינטראכטן, איז - זיך פיקעווען ביי תורה!

## זיצן צווישן הסידים קומט מען אן

איך געדענק דער הייניטיגער וויזשניצער רבי פון מאנסי, ער איז געווען רב אין בית מדרש, פרייטאג צו נאכט ביי די טיש, אויב איינער פלעגט נאך קומען צום אלטן רבי'ן ביים טיש, ער פלעגט דרימלען אלס ביים טיש... ער פלעגט זיין פארנומען מיט די קהילה

זאכן, מיט אלע שלוחות'ן פון זיין טאטע, אפשר זומער איז געווען גרינגער, אבער אין די ווינטער איז געווען קליינע פרייטאגס, מען רעדט שוין פון אסאך יאר צוריק, אפשר דרייסיג יאר צוריק, מען האט געשמועסט פון דעם אין בית מדרש אויך.

ער האט גע׳זאגט איין טאג פאר זיין טאטע, פארן רבי'ן ז"ל: וואס האט ער פון קומען צום טיש? ער גייט כאפן א דרימל לכבוד שבת קודש, ער קען נישט מצמצם זיין! האט אים די טאטע געזאגט: ווען א איד זיצט אויף א באן, און די באן פארט, אויב מען שלאפט, קומט מען נישט אן? אפילו מען שלאפט קומט מען אן! א פליגער, אפילו מען שלאפט, קומט מען אן פון איין מדינה צום צווייטן! מען דארף זיצן אויפן באן! וועסט זיצן ביים טיש, זיצט מען אויפן באן, און מען וועט אנקומען! אזוי האט ער פארציילט אז דער רבי האט אים געזאגט, אז ביי חסידים פלעגט מען אזוי זאגן.

עכ"פ, ווען א מענטש קלעבט זיך אין די תורה, נישט קיין חילוק צו מען איז א כולל אינגערמאן, צו מען איז א בעל הבית וואס ער ארבעט, און מען קומט לערנען שיעורי תורה צופרי, שיעורי תורה ביינאכט, אין יומא דפגרא'ס. אז מען קלעבט זיך אין די תורה, אז מען האט שייכות אין די תורה, מען האט אן אפענע גמרא פארנט פון זיך, איז מען שוין צוגעקלעבט אין די תורה, האט מען שוין פארדינט.

## כל מי שמקרב אותי אני מקרבו

דער חידושי הרי"ם זאגט, שטייט פאריגע וואך אין די סדרה: 'אך את מטה לוי לא תפקוד ואת ראשם לא תשא', צייל מיר נישט די שבט לוי. זאגט די מדרש, פארוואס נישט? ווייל די לויים זענען מיינע, והיו לי הלווים, מען דארף זיי ציילן עקסטער. פארוואס זענען די לויים געווען מיינע? א מורא'דיגע לשון המדרש, זאגט דער מדרש: 'שכל מי שמקרב אותי אני מקרבו', ווער עס איז מיר מקרב - זאגט דער אייבערשטער - וועל איך אים מקרב זיין. ווען משה רבינו האט געזאגט 'מי לה' אלי' ווער איז געקומען? די בני לוי! זיי האבן מיך מקרב געווען, ממילא וויל איך זיי מקרב זיין. ווען א איד איז מקרב זיך להקב"ה, ווען א איד זאגט פארן אייבערשטן איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל זיין פון די ממלכת כהנים וגוי קדוש, וואס דער הייליגער באשעפער האט געזאגט ב' סיון די יום המיוחס, וואו אונז שטיי מיר יעצט, זאגט דער אייבערשטער: "מיין קינד, איך בין דא, קום, איך וועל דיר געבן, איך קום דיר אנטקעגן!".

אז מען קלעבט זיך אין די תורה, אז מען האט שייכות אין די תורה, מען האט אן אפענע גמרא פארנט פון זיך, איז מען שוין צוגעקלעבט אין די תורה, האט מען שוין פארדינט

# מדריגות איז א מתנה פון הימל

אסאך מאל א מענטש שפירט, און דאס איז זייער אנגעפילט בזמנינו, ווען עס קומט שבועות, אסאך מאל מען זיצט יעצט, עס איז יום המיוחס, די נעקסטע מאל וואס דו קענסט טראכטן, האלט מען שוין לאנג נאך די אקדמות, און נאך די מילכיגע סעודה, און נאך די פליישיגע, און נאך די צווייטע דרימל, מען האלט שוין מיטל נאכט... איר ווייסט דאך, מיטל נאכט שבועות, ווערט שוין לייכטער די גאנצע אנגעצויגנקייט פון קבלת התורה, מען הייבט שוין אן נאכלאזן די לחץ, די פרעשער... אבער אסאך מאל ווערט מען צעבראכן, 'וואס האב איך אויפגעטון?' 'וואס האב איך געטון?' 'וואו בין איך געווען?' 'איך האב מיך געוואלט צוגרייטן, איך האב געוואלט שפירן'...

קודם דארף מען וויסן, עס איז דא א געוואלדיגע יסוד אין אוהב ישראל אין די ליקוטים, ברענגט דער אפטער רב, זאגט ער א מורא'דיגע יסוד. א מענטש דארף וויסן, הרגשים, מדריגות, די אלע זאכן קען מען גארנישט טון דערצו, קענסט זיך נישט מאכן אזוי, און עפעס ווערט געשען, עס איז א מתנה וואס דער הייליגער באשעפער גיבט. הרגשים, מדריגות, הבנה, פארשטענדעניש, דאס איז א מתנה וואס דער הייליגער באשעפער גיבט, דאס קען נישט א מענטש טון צו באקומען, א מענטש פאר זיך דארף וויסן, ער טוט ריכטיג, ער לערנט וואס מען דארף לערנען, ער האלט די שיעורים, ער קומט צום דאווענען, ער האלט מיט די דאווענען. וואס געשעט אינדערמיט? ער איז אויף די באן, ער פארט מיט, ער זאגט פארן אייבערשטען: איך בין פון די ממלכת כהנים וגוי קדוש, דער רבוש"ע ברענגט אים שוין אריין אין וויפיל מדריגות דער רבוש"ע וויל ער זאל אריינקומען, און לויט וויפיל הכנות ער האט געמאכט, אזויפיל וועט ער באקומען. א מענטש קען נישט איינרייסן אין דעם.

א געוואלדיגע ווארט שטייט אין ספרי חסידות. עס שטייט אין פסוק והיו נכונים ליום השלישי, וואלט געדארפט שטיין: 'ויהיו נכונים' וואס הייסט 'והיו נכונים ליום השלישי'. אונז ווייס מיר אז עס איז דא ששים רבוא אותיות אין די תורה, אז עס פעלט איין אות אין די תורה איז די תורה פסול, ביי קבלת התורה, אויב עס וואלט געפעלט איין נשמה, וואלט נישט געווען קיין קבלת התורה, יעדע נשמה, רבי שמעון בר יוחאי זאגט והיו נכונים ליום השלישי, שרייבט ער דארט, ירד ה' לעיני כל העם, 'כל העם' מיינט יעדע נשמה ביי כלל ישראל, עס פעלט איין נשמה איז נישט דא קיין קבלת התורה[1].

---

[1] באר מים חיים פרשת שופטים: הלא ודאי זה בדוק ומנוסה שכל מצוה קטנה ותפילה קצרה שאדם עושה לשם שמים ככל אשר יוכל באמת. ודאי תעלה למרום ותעשה פעולות גדולות נוראים ונפלאים בשמי השמים כל אחד לפי ערכו. כי הלא אם לא היה חפץ הקב"ה כי אם ביחידי סגולה צדיקי הדור לא היה ממתין בנתינת התורה כל כך והיה נותנה לאברהם יצחק ויעקב או למשה רבינו ואהרן ויהושע לבד. ואלהינו ברוך הוא וברוך שמו לא רצה בזה והמתין דוקא

און דער הייליגער באשעפער זאגט נישט 'ויהיו נכונים', ער בעט עס בכלל נישט פון אונז, מיר זענען נישט ביכולת צו דעם, דער הייליגער באשעפער גיבט אונז אן הבטחה 'והיו נכונים ליום השלישי' טוט וואס איר דארפט צו טון, איר וועט זיין גרייט, זארג זיך נישט, וועסט מקבל זיין די תורה, וועסט באקומען דיין חלק אין די תורה, מיר דארפן טון אונזער חלק, אוודאי מען דארף לערנען, מען דארף זיך פארקוקן אביסל, נארמאל, מען דארף טון וואס מען קען, און נישט צעבראכן ווערן, נישט פארדעם און נישט נאכדעם, והיו נכונים, דיין חלק הקבלת התורה, דיין 'ותן חלקינו בתורתיך' דאס וועסטו באקומען.

## יעצט וויל איך זיין א איד!

איך וויל דיר פארציילן א מורא'דיגע מעשה פונעם אהבת ישראל פון וויזשניץ (יומא דהילולא שלו הוא היום - ב' סיון), א מוסר השכל און א חיזוק פארן גאנצן לעבן. עס איז געווען א איד, א חסידישע איד, איז געווען אמאל אין טעקסעס, דאכט זיך די שטאט הייסט וואקא אין טעקסעס. טעקסעס איז נישט קיין חסידישע שטאט, אבער עס איז דא זייער אסאך אידן אין טעקסעס. ער איז דארט געווען אויף שבת פאר ביזנעס, ער גייט אריין ערב שבת אין די מקוה, און עס כאפט אים א פחד נורא, עס איז אריינגעקומען דארטן איינער מיט א היטל, און עס הענגט אים קייטלעך פון אלע זייטן, א מחזה נורא, יענער האט נישט אויסגעזען ווי קיין איד, און נישט ווי קיין ארענטליכער גוי אויך נישט, מילד גערעדט... ער האט זיך זייער דערשראקן. פרעגט ער פון אים אויף אידיש, ער האט געוואלט זען אויב ער איז א איד: זאג נאר, איר זוכט איינעם? זאגט ער: יא, איך בין געקומען אין מקוה! אויף אידיש ענטפערט ער, "איך בין געקומען אין מקוה לכבוד שבת!". די לעצטע זאך וואס ער האט זיך פארגעשטעלט אין זיין לעבן... ער רעדט אזא פארצייטישע געשמאקע אידיש... ער האט זיך זייער געוואונדערט. זאגט ער: רעב איד פארצייל מיר דיין מעשה!

האט ער פארציילט א הפלא'דיגע מעשה. דערציילט ער: זיי האבן געוואוינט אין א דערפל נעבן וויזניץ אין ראמעניע, זיין טאטע איז שוין געקומען פארן קריג אויף אמעריקא. פאר מען איז ארויסגעפארן, האט די טאטע געזאגט: גיי מיר אויף וויזשניץ צום אהבת ישראל, און נאך שבת גייט מען פארן קיין אמעריקא. איז מען געפארן צום אהבת ישראל, און יענעם שבת איז געווען א גרויסע עולם ביים אהבת ישראל, ער איז

---

עד ששים רבוא נשמות ישראל ולכולם נתן התורה באהבה ושמחה. כי לא יהיה שלימות בשום אופן כי אם בהצטרפות כל נשמות ישראל לאחד שכולם יתקנו כל המוטל עליהם כל אחד לפי ערכו ואז יהיו העולמות בשלימות. ועל כל מצוה ומצוה של הפחות שבפחותים מישראל עומדים אלפי אלפים רבוא רבבות עולמות המתקיימין רק על מצוה הזו. וכשיחסר מצוה זו מהעולם, כל העולמות לא יהיו בשלימות. כמו אם יחסר אבר אחד מן האדם שכל הגוף חסר אבר הוא. כי כל נשמות ישראל אחד ממש הם ברמ"ח אברים ושס"ה גידים.

געווען א יונגעלע פון צען יאר, זיין טאטע האט געוואלט אז ער זאל גוט מיטהאלטן דעם גאנצן טיש, האט אים זיין טאטע געלייגט אונטער די טיש פונעם אהבת ישראל. עס איז געווען א שיינע טיש. אינמיטן טיש, האט זיך דער אהבת ישראל אויפגעשטעלט, און ער האט זיך גענומען וויינען, און ער האט געזאגט די ווערטער:

"אידן הערט מיר צי! עס מאכט זיך אמאל אז א איד וויל טון א מצוה, קומט דער יצר הרע און זאגט אים, דו ביסט משוגע געווארן? יעצט ווילסטו טון א מצוה? ווער ביסטו? ווער ביסטו? דו ווייסט דאך די אמת, דו ווייסט וואו דו ביסט געווען נעכטן, דו ווייסט וואו דו גייסט זיין מארגן, דו ווייסט וואו דו האלסט אויף די וועלט, דריי נישט קיין קאפ, קום נישט יעצט מיט קיין פרומע מעשיות! אזוי זאגט דער יצר הרע" - דער אהבת ישראל האט זיך גענומען שרייען - "אידן! איר זאלט זאגן פארן יצר הרע אין מיין נאמען, איך בעט דיך, לאז מיך אפ יעצט, עס אינטערעסירט מיך נישט פריער, עס אינטערעסירט מיך נישט שפעטער, יעצט וויל איך זיין א איד! עס גייט מיך נישט אן פון וואו איך קום, און עס גייט מיר נישט אן וואו איך וועל גיין, יעצט וויל איך זיין א איד!".

אזויוי ער האט געענדיגט דאס זאגן, האט ער געזאגט מען זאל זאגן, יעצט וויל איך דינען דעם אייבערשטן, און ער האט זיך אראפגעזעצט. ער זעצט זיך אראפ, גיבט ער א לייג ארויף די האנט אויף דעם קינד וואס איז געזעצן דארט נעבן אים, און ער זאגט אים: "זיסער קינד, דו האסט געהערט וואס איך האב געזאגט?! איך גיי דיר עס איבערזאגן, זאלסט קיינמאל נישט פארגעסן, ווען דער יצר הרע קומט צו דיר, זאלסטו אים זאגן, נישט קיין חילוק וואס איז געווען, נישט קיין חליוק וואס וועט זיין, יעצט וויל איך דינען דעם אייבערשטן!".

זאגט ער פאר דעם איד: ער היט נישט שבת, ער האט געגעסן יום כיפור רח"ל, אבער אין מקוה וויל ער יעצט גיין! ווייל ער האט זיך יעצט דערמאנט די מעשה פונעם אהבת ישראל, און יעצט וויל ער זיין א איד וואס גייט אין מקוה! ער איז געווארן א בעל תשובה צום סוף. אבער דאס איז א הפלא ופלא'דיגע ווארט, א הפלא ופלא'דיגע מעשה.

דער קינד פארציילט אויך, אז דער אהבת ישראל פונעם אהבת ישראל, האט דאך געוואוסט אז אונטערן טיש טיילט מען נישט קיין שריים, האט אים דער אהבת ישראל געגעבן פון די ווין, פון די חלה, פון די פיש, יעדע זאך האט ער אינזין געהאט אז דאס קינד זאל האבן שריים...

דאס איז א געוואלדיגע יסוד פאר קבלת התורה, און עס איז באמת נישט קיין נפקא מינא צו גיין אין מקוה און וואס פאר אן עבודה זאל נאר זיין, א איד וואס ער טוט, ווייל ער וויל יעצט דינען דעם אויבערשטער, ווייל איך וויל זיין יעצט נאנט צום אויבערשטן פארגעסט מען פון אלעמען.

## א איד שטעלט זיך נישט אפ

פרייטאג צו נאכט איז א איד צוגעקומען צו מיר, און ער זאגט מיר, אז שבת טאר מען נישט טראכטן פון געשעפטן, עס דארף זיין 'כל מלאכתך עשויה', אבער ער האט א פראבלעם, ער

האט געהאט אן עקסידענט א פאר טעג פאר שבת, און עס האט זיך אויסגעשטעלט אז זיין אינשורענס איז אים געווען אפגעלאפן, און ער איז א בעל חוב פון פערציג טויזנט דאלער, אזוי פלוצלונג! עס איז אים שווער אזוי, גאנץ שווער.

האב איך אים געזאגט: היט שבת ווען דו קענסט. ווען דו קענסט נישט, קענסטו דאך נישט. יעדע מינוט וועסטו זיך שלאגן, איין מינוט וועט זיין 'כל מלאכתך עשויה' און איין מינוט וועסטו זיך ארומקריגן מיט די יצר הרע. מען ווערט נישט צעבראכן. ער זאגט מיר: אינמיטן לכה דודי, איך דערמאן מיך פערציג טויזנט דאלער... זאג איך אים: דאנק דעם אויבערשטן אז א מינוט שפעטער האסטו געזאגט ווייטער, האסט זיך נישט אפגעשטעלט, א איד שטעלט זיך נישט אפ.

## א צופרידענע לעבן

דער בן איש חי פארציילט א הפלא'דיגע מעשה. עס איז געווען א רב אין שטאט וואס ער האט פארגעלערנט איין טאג, די גמרא זאגט עשר תעשר את כל תבואת זרעך היוצא מן השדה שנה שנה, עשר בשביל שתתעשר, אז מען גיבט מעשר ווערט מען אן עושר. איז געגאנגען א איד וואס ער האט געהאט געלט, אבער ער האט געוואלט ווערן אן עושר, האט ער אנגעפאנגן געבן מעשר, ער איז געווארן אן עושר.

איין טאג זיצט ער ביי א שמחה מיט א חבר זיינער אויך אן עושר, און זיי שמועסן אזוי. אינמיטן דער עושר פרעגט פון זיין חבר: זאג נאר וויאזוי ביסטו געווארן אן עושר? זאגט זיין חבר, וואס הייסט, איך בין געזיצן ביים שיעור, און דער רב האט פארגעלערנט די גמרא בבא מציעא דף נט, וואס זאגט די גמרא? רבא זאגט פאר די בני מחוזא, איר זאלט האלטן זייער חשוב און מכבד זיין די ווייב, און דעמאלסט וועסטו זיין א גרויסע עושר, אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו... ממילא איז ער זייער מכבד זיין ווייב, ער קויפט איר די שענסטע תכשוטים, ער האט איר געבויעט די שענסטע הויז, ער גיבט איר די שענסטע קליידער, וואס זי וויל גיבט ער איר נאך, און אזוי איז ער א גרויסער עושר.

פרעגט ער פון זיין חבר: און וויאזוי ביסטו אן עושר? זאגט ער: דער רב האט געזאגט, עשר בשביל שתתעשר.

דער איד הייבט זיך אויף, ער גייט אריבער צום רב, זאגט ער: איך האב אויף דיר טענות, מיך האסטו געזאגט ביים שיעור, ווען איך בין געווען יענעם טאג, אז מען דארף געבן מעשר, דאס גיבט מען פאר עניים, פאר אנדערע מענטשן, איך האב גארנישט דערפון, איך גיב אוועק מיין געלט. דער גיבט די געלט פאר זיין ווייב, עס בלייבט דאך ביי אים, אז די ווייב האט, האט ער דאך אויך, ער האט א וואוילע ווייב, זי איז צופרידן, און זי האט תכשוטים, ער האט א שיינע הויז, און מען האט גוטע עסן, ער איז דאך אויך נהנה... וואס האב איך געדארפט ווערן אן עושר, און געדארפט אוועקגעבן די געלט פאר יענעם, און יענער איז געווארן אן עושר און געבליבן מיט די געלט אינדערהיים?!

א גוטע טענה... ער איז געקומען צו דעם שיעור, און ער איז געקומען צום דעם שיעור... האט דער רב געזאגט: יא, דוד המלך זאגט אויף די עשירות פון

מכבד זיין א ווייב, אין קפיטל מט: אל תירא כי יעשיר איש כי ירבה כבוד ביתו, קוק נישט אויף די מענטשן וואס זייער עשירות איז, ווען ער איז מכבד זיין ווייב, כי לא במותו יקח הכל, נאך די הונדערט און צוואנציג בלייבט אלעס פאר די קינדער, ער האט גארנישט דערפון. א איד וואס גיבט צדקה פאר אנדערע מענטשן, האט ער עולם הזה מיט עולם הבא, ער בלייבט מיט עולם הזה, ער האט מיט עולם הבא גארנישט. אזוי ברענגט דער בן איש חי א רעיון, א הערליכע ווארט.

לעניננו, א מענטש דארף וויסן, א איד דארף ארבעטן אויף פרנסה, און היינט איז בכלל, דער עולם איז אץ להעשיר, ח"ו נישט פארדעם ווייל מען וויל זיין סתם עשירים, מען וויל הרחבה... ווייסט איר, דער שטעפינעשטער האט געזאגט אזוי, עס איז געווען איין שבת, און ער האט געזאגט פאר זיין קליינע טאכטער: לייען קרית שמע צו גיין שלאפן, האט די טאכטער געזאגט: ניין, אז וועסט מיר געבן די מאראנץ, וועל איך לייענען קרית שמע. ער האט איר געגעבן די מאראנץ האט זי געלייענט קרית שמע... האט זיך דער שטעפינעשטער אנגערופן: רבוש"ע, כלל ישראל האט די זעלבע טענה אויף דיר, אונז האב מיר מקדים געווען נעשה לנשמע, אונז זאג מיר נעשה, קודם מאך אונז פאר מענטשן, גיב אונז עסן און טרינקן, מאך אונז א גוטע כלי, גיב אונז הרחבת הדעת, ונשמע, מיר וועלן אויסהערן די תורה... אזוי האט געזאגט דער הייליגער שטעפינעשטער... עכ"פ די עולם, יא מען וויל עשירות, קיינער וויל נישט עשירות סתם אזוי, עס איז א שווערע אנגעצויגענע גלות, מען מוטשעט זיך, מען דארף הרחבה, פיין. אבער מען דארף צעוויסן, כי לא ירד אחריו כבודו. אבער ווען א איד האט אינזין די תורה, ווען א איד, זיין שטוב איז א בית נאמן בישראל, וויאזוי זעט אויס א אידישע שטוב? מען זינגט שלום עליכם פרייטאג צו נאכט? מען מאכט קידוש? עה דאס טוט די שוואכסטע איד אויך... ווען די גמרא זאגט אוקירי לנשייכי איז פשט, עס איז נישט קיין גשמיות'דיגע זאך, די גמרא, דער בן איש חי האט געזאגט זייער א שיינע תורה, עס מיינט אבער, עס איז א פרייליכע שטוב, עס איז א צופרידענע שטוב, נישט ווייל איך האב אלעס וואס איך דארף, ווייל דאס געשעט נישט.

אויב איינער וויל זיין צופרידן ווען ער גייט האבן אלעס וואס ער דארף, זאל ער תיכף רופן חברה קדישא, ווייל ער דארף נישט ווארטן... א מענטש קען נישט זיין צופרידן... איך זאג אלס א מורא'דיגע ווארט. איך האב א ראיה, עס איז נישט מעגליך, אז א מענטש קען נישט זיין צופרידן, איך האב די גרעסטע ראיה. ווער איז געווען דער ערשטער אומצופרידענע מענטש אויף דער וועלט? אדם וחוה, זיי האבן געהאט אלעס אויף די וועלט, און זיי זענען נישט געווען צופרידן, עס ליגט אין אונזערע דזשינס די אומצופרידענהייט, עס איז אין אונזער טבע. נאכדעם איז געקומען קין והבל, און אזוי איז געפארן די גאנצע פרשת בראשית פון אומצופירדענע מענטשן... דאס וועט נישט העלפן, דער רבוש"ע פאדערט נישט פון אונז צופרידן, צופרידן איז א זאך וואס א מענטש קען נעמען אליין.

לאמיר דיך פארציילן א מעשה פון א חבד'סקער חסיד, רבי לייב חסיד, א תלמיד פונעם בעל התניא. ער איז

געפארן אמאל אויפן וועג, און אינמיטן וועג איז געווארן די שקיעה, זיי זענען מקפיד אויף די שקיעה, דער בעל התניא האט דאך שפעטער מקפיד געווען, און ער האט זיך געשטעלט דאווענען דארט אויפן וועג.

אינדערמיט איז אדורכגעפארן דער רוסישער קייזער, און פארשטייט זיך אז די באגלייטער האבן זיך שנעל געשטעלט אין א זייט מיט דרך ארץ, אבער רבי לייב חסיד דאווענט, ער הערט נישט, ער זעט נישט, עס איז נישט דא קיין קייזער, ער האט באמת נישט געהערט. דער קייזער זעט עס איז דא איין איד וואס גיבט אים נישט די כבוד הראוי, דער קייזער האט געהייסן אפשטעלן זיין וואגן און ער שטייט און ער באטראכט אים, ביז ער האט אויסגעטרעטן שמונה עשרה.

ווען ער האט אויסגעטרעטן שמונה עשרה רופט ער צי רבי לייב חסיד, און ער פרעגט אים: וואס האסטו יעצט געטון דא? זאגט ער: ער האט געדאווענט מנחה פארן הייליגן באשעפער! זאגט ער: וויפיל מאל אין דיין לעבן קענסטו טון, דאס וואס דו האסט יעצט געטון? זאגט ער: וואס הייסט וויפיל מאל אין מיין לעבן? דריי מאל א טאג!

דריי מאל א טאג? פרעגט ער פון רבי לייב: וואס איז די גליקליכסטע מינוט פון א קייזער אין זיין לעבן? די גליקליכסטע מינוט פון א קייזער אין זיין לעבן איז, ווען ער האט איינגענומען א מדינה, זאגט ער: וויפיל מאל אין לעבן קען א קייזער איינגעמען א גאנצע מדינה? אפשר איין מאל, עס געלונגט! זאגט ער: דו זעסט אויס סאך גליקליכער, ווי איך קוק אויס, ווען איך האב איינגענומען א מדינה! ווי מאכט מען דאס?! אזוי האט ער געזאגט פאר רבי לייב חסיד, "דריי מאל א טאג קענסטו זיין אזוי גליקליך?!"... ער האט געזען אזא געשמאק, אזא שמחה, בשעת ער איז געשטאנען פארדביקות'ט פארן הייליגן באשעפער, ער האט געזען אזא פרייליכקייט אויף רבי לייב, דער קייזער פון רוסלאנד האט פשוט מקנא געווען.

איר ווייסט, דער קייזער פון רוסלאנד איז געווען אזוי, שטעל זיך פאר אז אמעריקא האט א קעניג, ער איז געווען דער קעניג פון די וועלט, די גאנצע וועלט אין יענע צייט האט זיך געדרייט ארום רוסלאנד, און גארנישט, ער איז מקנא רבי לייב חסיד'ס מנחה... אונז האבן עס דריי מאל א טאג, און אונז האבן די גמרא, דאס איז א איד! א איד דארף שטענדיג האבן א שמייכל וואס דער גוי וואס ער איז נישט קיין עם סגולה, דער זאל אים מקנא זיין, וואס דער גוי זאל קומען און פרעגן: וואס שמייכלט ער אזוי דער איד, וואס פרייט ער זיך אזוי?!

**קול פנים מאירות:** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 |
**ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691
| **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

# אור לנתיבתי

## במנהגי תיקון ליל שבועות

**מיר האבן ערהאלטן עטליכע שאלות אויף יום טוב שבועות, וואס אידן האבן אנגעפרעגט, און מיר גייען ענטפערן אויף יעדע שאלה, מער ווייניגער די זעלבע תשובה. איינער האט אנגעפרעגט: שבועות ביינאכט נאך די סעודה, איז אים זייער שווער אויפצובלייבן, האט ער געטראכט, אז ער וויל מאכן די סעודה - לאמיר זאגן - דרייע פארטאגס. איז עס אויסגעהאלטן?**

**די זעלבע זאך האט איינער געפרעגט, צו ער קען מאכן קידוש אנפאנג נאכט, טרינקן צוויי כוסות וויין, אדער עסן א שטיקל מזונות, און נאכדעם, שפעטער אין די נאכט אריין, עסן די סעודה?**

די תשובה אויף דעם איז: צאי לך בעקבי הצאן. מיר זאגן אלס איבער אווארט, איך האב עס געהערט פון עטליכע גדולים, אבער אויך פון בריסקער רב. אנדערע זאגן אז דער חפץ חיים האט עס געזאגט, איך האב עס געהערט אין נאמען פון אסאך גדולים, מיר ליגט אין קאפ אז איך האב עס אויך געהערט אמאל אויף א שיעור פון רבי יענקעלע פון אנטווארפן, דער הייליגער פשעווארסקער צדיק זצוק"ל: "אונז זעמיר נישט קיין גרים, די שו"ע איז געגעבן געווארן פאר גרים!". עס מיינט ח"ו נישט צו זאגן, אז מיר זאלן נישט לערנען שו"ע, מיר לעבן מיטן שו"ע! די שו"ע איז 'כי הם חיינו ואורך ימינו'! אבער ווען עס איז דא א שאלה וואס אונז האב מיר א מסורה און מנהג האבות, טוט מען אזויווי די מסורה, טוט מען אזויווי די מנהג האבות, און מען פראבירט עס אריינצושטעלן אז עס זאל שטימען מיט די שו"ע. אבער מיר וועלן נישט אפלאזן פון טון זאכן, וואס מיר האבן א מסורה, וואס עס איז אנגענומען ביי אונז מדור דור פון אונזערע עלטערן, פון אונזערע רבי'ס, און ווייל איך טרעף נישט פונקטליך אין שו"ע, אדער ווען איך לערן פשטות שו"ע קומט מיר אויס אנדערש, זאל איך מיר משנה זיין? ח"ו! 'מסורה' דאס איז 'כי הם חיינו ואורך ימינו' דאס איז תורה צוה לנו משה מורשה קהילת יעקב. אזוי ווי רוב מפרשים לערנען אז די כפיית ההר כגיגית ביי קבלת התורה איז געווען בעיקר ביי תורה שבעל פה וואס א חלק פון תורה שבעל פה איז די מנהגים און די מסורה פון כלל ישראל.

די סדר וואס אונז האב מיר מקבל געווען פון אונזערע עלטערן איז, אז מען מאכט די סעודה, און דערנאך זאגט מען תיקון. אויסער די רבי'ס, האבן קודם געזאגט א חלק פון די תיקון, און נאכדעם געפירט א טיש. דארף מען געדענקן,

אז מען זאגט נאך פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, און פון אנדערע צדיקים, דער הייליגער שר שלום פון בעלז זצ"ל: **ת**'ערוך **ל**'פני **ש**'לחן איז די זעלבע ראשי תיבות ווי פון **ת**'יקון **ל**'יל **ש**'בועות. א טיש פון א צדיק, א טיש פון א רבי'ן, איז א חלק פון זאגן די תיקון. אבער סתם אידן האבן קודם געמאכט די סעודה, און דערנאך געזאגט די תיקון.

מיר האבן יא געהערט פון א מנהג, אז מען זאגט תורה נביאים כתובים פאר די סעודה, מען מאכט די סעודה, און דערנאך זעצט מען ווייטער פאר מיט לימוד התורה ביז צום עלות השחר, דאס איז אויך א זאך וואס זייער אסאך אידן האבן זיך געפירט אזוי, אבער צו ענדיגן די נאכט מיט א סעודה, דאס איז א זאך וואס אונז האבן נישט מקבל געווען. אפילו די רבי'ס האבן דאס נישט געטון. די נאכט ענדיגט מען מיט תורה.

פשטות אין שו"ע איז מבואר, אז א מענטש דארף מדבק זיין די נאכט מיטן טאג מיט תורה, כל שכן בליל שבועות. אבער בכל אופן, שבועות ביי די נאכט ענדיגט מען נישט די נאכט מיט א סעודה, מען ענדיגט די נאכט מיט דברי תורה, מיט לערנען, און עוסק זיין אין תיקון ליל שבועות. ובפרט ווען איינער האט א שטוב מיט קינדער, דארף ער זיכער מאכן די סעודת שמחת יו"ט ווי פריער.

איינער האט אנגעפרעגט צו שבועות ביי די נאכט מעג מען לערנען תורה נביאים וכתובים פאר חצות?

די אמת איז: זעץ דיך לערנען און זיי מברר! איך האב נישט קיין פראבלעם דערמיט. איך וויל דיר ענטפערן איין זאך: תיקון ליל שבועות האט מען נישט אנגעפאנגען תשפ"ג... אלע אונזערע עלטערן, אונזערע רבי'ס, האבן געזאגט תיקון ליל שבועות, מען האט נישט געווארט אויף צוועלפע אדער איינזע ביינאכט, [היינט ווען עס איז די גערירקטע זייגער מיינט עס איינזע ביינאכט] קיינמאל האב מיר דאס נישט געזען און נישט געהערט פון אונזערע רבי'ס, און פון אונזערע אבות הקדושים! און דאס איז די תשובה: מען מעג לערנען תורה נביאים וכתובים שבועות ביי די נאכט פאר חצות! והא ראיה, ווייל אזוי האט כלל ישראל געטון! יעצט ווילסטו מברר זיין די יסודות דערפון, טרעפן מראה מקומות עס זאל שטימען מיט די קבלה, מיט די הלכה - ארבעט אריין! זעץ זיך לערנען! אבער די שאלה איז פארענטפערט, אזוי האבן געטון אונזערע עלטערן, אזוי האבן געטון אונזערע רבי'ס, דאס איז ביי אונז תורה מסיני, דאס איז די תשובה אויף די שאלה.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים איפן ליניע אויף קנעפל: 511.**